# הליכות החיים

ראש השנה | שנת תשפ"ה לפ"ק | גליון תס"ו

בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

לזכר נשמת

הרה"ח ר' **חיים שלמה** ב"ר **יוסף אליהו** ע"ה **קעניג**

יא"צ ביום כ"ה אלול

וזוגתו האשה החשובה מרת **חי' יוטא** בת ר' **יוסף יושע** ע"ה

הונצחו ע"י בני משפחתם - יהא זכרם ברוך

## הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (כג)

### תקיעת שופר

#### מאכן די ברכה ביים בלאזן פאר פרויען

**שאלה: ווען מען בלאזט שופר פאר פרויען אינדערהיים אדער אין פלעצער פאר פרויען אין קינדער, ווער זאל מאכן די ברכות, דער בעל-תוקע, אדער די וואס הערן דאס שופר-בלאזן?**

**תשובה:** וויבאלד געווענליך וויל נישט דער בעל-תוקע אליין יוצא זיין דעמאלט, זאל ער נישט מאכן די ברכה, נאר זיי זאלן אליין מאכן די ברכה "לשמוע קול שופר"[1].

#### חינוך אויף שופר-בלאזן

**שאלה: פון וועלכן עלטער דארף מען מחנך זיין קינדער מיט'ן הערן שופר-בלאזן?**

**תשובה:** פון ווען דאס קינד איז זעקס-זיבן יאר, וואס דעמאלט פארשטייט ער שוין אביסל דעם ענין פון שופר-בלאזן און קען אויסהערן די דרייסיג קולות פון די תקיעות.

אזוי אויך קינדער וואס קענען שוין מאכן די ברכות אויפ'ן שופר-בלאזן און הערן אויס אלע דרייסיג קולות, זאל מען זיי מחנך זיין צו מאכן די ברכות אויפ'ן שופר-בלאזן[2].

#### מאכן קידוש פאר די תקיעות

**שאלה: איינער וואס דארף עסן פאר די תקיעות, צי דארף ער מאכן קידוש, אדער ער קען עסן אן קידוש?**

**תשובה:** אויב מען וויל נאר טרינקען, דארף מען נישט מאכן קידוש.

עס זענען דא וואס האלטן אז דאס זעלבע איז אויך אויב מען וויל עסן, אז מען דארף נישט מאכן קידוש[3], אנדערש ווי שבת וואס מען מוז מאכן קידוש נאכדעם וואס מען האט שוין געדאווענט שחרית, אבער להלכה איז אנגענומען אז אויב מען וויל עסן דארף מען פריער מאכן קידוש[4].

#### נישט עסן צופיל

עס איז ריכטיג אנצומערקן, אז אויך ווער עס עסט פאר מוסף זאל זיך נישט אנעסן, [און אויב מ'עסט קעיק א.ד.ג., ברענגען די פוסקים, אז לכתחילה זאל מען נישט עסן מער ווי א "כביצה"] וויבאלד מעיקר ההלכה טאר מען נישט עסן פאר תקיעת שופר[5], און דער היתר איז נאר צוליב שוואכקייט און אז מען זאל האבן כח צום דאווענען און שופר-בלאזן, אבער עסן

◄

1. רמ"א סי' תקפט סעיף ו'.
2. עי' סי' תקפז במשנ"ב ס"ק טז, וראה הל' חג בחג (ימים נוראים, פ"י ס"ב) שלענין תקיעות דמעומד הגיל מאוחר יותר.
3. כידוע בשם כמה אחרונים ע"ש הרה"ק מהר"ש מבעלזא זיע"א דבר"ה סומכים על שיטת המהרש"ל שאין חיוב קידוש קודם מוסף (הגם שאין פוסקים כמותו בכל השנה), כיון שבראשונה היו תוקעים בשחרית ומחמת גזירת המלכות איחרוה למוסף, נמצא שהרי זה כאילו עומדים עדיין לפני גמר תפלת שחרית.
4. כפשטות השו"ע סי' רפו סעיף ג' ובנו"כ.
5. מג"א והובא שם במשנ"ב סי' תרצ"ב ס"ק טו, וכמשמעות הראשונים סוכה לח ע"א דדמי שופר ולולב אהדדי.

## ואברכה מברכיך

הגאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א דערציילט א מעשה נורא וועגן דעם כח פון זאגן ברכות מיט כוונה, וואס ער האט אליין מיטגעהאלטן ביי הרה"ק רבי יחיאל יהושע מביאלא זי"ע:

אין מיינע יונגע יארן, האב איך געוואוינט נעבן דעם ביאלער רבי'ן, רבי יחיאל יהושע זצ"ל, און איך האב אסאך געקענט צוזען פון דער נאענט און זיך לערנען פונעם רבי'נס וועגן אין עבודת ה'.

יעדן דאנערשטאג פלעגט קומען צום רבי'ן אין שטוב א חשוב'ער שוחט, רבי יצחק וויינער, צו שעכטן פארן רבי'ן אן עוף לכבוד שבת. דער רבי איז געשטאנען דערביי בשעת'ן שעכטן און געווארט מקיים צו זיין די מצוה פון "כיסוי הדם". מיט גרויס דביקות האט דער רבי זיך געגרייט צו מאכן די ברכה "על כיסוי הדם". יעדעס ווארט פון דער ברכה האט ער ארויסגעזאגט מיט גרויס כוונה, און זיין גאנצער גוף האט זיך געטרייסלט פון התרגשות.

מיין רביצין ז"ל פלעגט אויסרעכענען די צייט ווען דער רבי מאכט די ברכה און האט געשטעלט אלע קינדער ביים פענסטער, אז זיי זאלן זען ווי דער רבי מאכט די ברכה און ווי אזוי עס דארף אויסזען א ברכה וואס מען מאכט פאר'ן אויבערשטן.

איינמאל האב איך דערציילט פאר'ן ביאלער רבי'ן, אז מיינע קינדערלעך קוקן שוין ארויס אויף דעם דאנערשטאג ווען זיי וועלן זען ווי דער רבי מאכט די ברכה, וואס דאס לאזט איבער אויף זיי א גרויסן רושם און עס דערקוויקט זיך אויף זיי ביים מאכן א ברכה. ווען דער רבי האט דאס געהערט, האט ער דערציילט א מעשה וואס איז געשען ביי זיין זיידן, דעם ערשטן ביאלער רבי'ן, אין פוילן.

א איד איז אמאל אריינגעקומען צו אים צום ביאלער רבי'ן, און אין זיינע אויגן האט זיך דערקענט א טיפער טרויער. "הייליגער רבי!" האט דער איד זיך אויסגערעדט זיין ביטער הארץ. "איך בין ליידער געווארן אנגעשטעקט מיט דער ביטערער מחלה 'טובערקולאז' [און אנשטעקיגע לונגען-קראנקייט], און איך לייד דערפון געפערליך. א גאנצן טאג און נאכט הוסט

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה
מרת **עלקא פערל** בת ר' **יעקב** ע"ה
**וואלטער**
נפטרה ביום ד' תשרי
יהא זכרה ברוך
הונצחה ע"י בנה מוה"ר חיים הי"ו

צופיל איז זיכער נישט אויסגעהאלטן, בפרט אז דאס עסן אסאך מאכט מיד[6].

### איבערמאכן קידוש נאך מוסף

**שאלה: אויב מען האט געמאכט קידוש נאך שחרית, צי דארף מען מאכן נאכאמאל קידוש נאך מוסף?**

**תשובה:** מען מוז נישט מאכן נאכאמאל קידוש מעיקר ההלכה, אבער עס איז ריכטיג אזוי צו טון[7].

## קויפן די עליות אין די הייליגע טעג

### ארויפציען די פרייזן פון די עליות

**שאלה: ביי אונז אין בית המדרש איז דא א נגיד וועלכער קויפט זיך די טייערע עליות ראש השנה און יום כיפור, און וויבאלד מען ווייסט אז ער וועט עס צום סוף קויפן פאר גאר א טייערן פרייז, רופן די מתפללים ארויף דעם פרייז דורכ'ן אנבאטן העכערע פרייזן, כדי עס זאל אריינקומען געלט פאר'ן בית המדרש וכדומה. צי מעג מען אזוי טון, אדער עס איז אסור וויבאלד מען וויל עס נישט באמת קויפן פאר זיך פאר א גרויסן פרייז, נאר מען טוט דאס כדי יענער זאל עס קויפן פאר אסאך געלט?**

**תשובה:** מען טאר דאס נישט טון, און עס איז אן עוולה קעגן דעם וואס וויל עס קויפן, און אויך איז דאס גניבת דעת, וויבאלד מען וויל עס באמת נישט קויפן, און אזוי אויך צוליב נאך טעמים[8].

### קויפן א עלי' אין די הייליגע טעג

**שאלה: די פוסקים ברענגען אז מען זאל זען צו קויפן א עלי' אין די הייליגע טעג אפילו פאר טייער געלט. איך בין נישט קיין גרויסער בעל-יכולת. צי מעג איך קויפן אן עלי' מיט מעשר-געלט?**

**תשובה:** אין די ימים נוראים קען מען מקיל זיין צו קויפן די עליות מיט מעשר-געלט אויב מען האט דאס אינזין בשעת'ן קויפן, אבער אין טעג וואס די פרייזן פון די עליות זענען נישט טייער זאל מען נישט קויפן אן עלי' מיט מעשר-געלט[9].

### ווען דער טאטע וויל אן עלי'

**שאלה: עס איז דא א חשוב'ע עלי' וואס איך וויל מיר קויפן צוליב די סגולות דערפון, אבער מיין טאטע דאוונט אינעם זעלבן בית המדרש און עס קען אים אפשר אביסל שטערן** (כאטש ער וועט עס מיר קיינמאל נישט זאגן) **אז איך קויף פאר מיר און ער איז נישט ביכולת זיך צו קויפן אן עלי'. צי מעג איך אים זאגן אז א ידיד האט עס מיר געקויפט, מפני דרכי שלום?**

**תשובה:** די אלע סגולות פון קויפן עליות קומען נישט צו צו דער סגולה פון מאכן א נחת רוח פאר די עלטערן, וואס דאס איז א מצות עשה דאורייתא. דערפאר, אויב האט מען די מעגליכקייט צו קויפן איין עלי' און מען ווייסט אז דער טאטע וואלט אליין הנאה געהאט צו האבן די עלי', איז זיכער ריכטיגער אז מען זאל עס קויפן פאר'ן טאטן ווי איידער פאר זיך און אים דערמיט מהנה זיין (כאטש מעיקר ההלכה איז מען נישט מחוייב דאס צו טון). דער זכות פון מכבד זיין און מאכן א נחת רוח פאר די עלטערן, וועט זיכער ביישטיין צו האבן א כתיבה וחתימה טובה און שנה טובה ומבורכת.

### אויב עס קען ווערן א סכסוך

**שאלה: פאראיארן האב איך געוואלט קויפן אן עלי' אין די ימים נוראים, אבער זעענדיג אז א צווייטער וויל דאס שטארק קויפן און**

◄

6. הליכות שלמה הל' תקיעת שופר ס"א. וע"ע שמירת שבת כהלכתה ח"ב (פרק נב סעיף יד ובהערה נו) באריכות. 7. עי' ברכי יוסף סי' רפו סק"ז, אך עי' שמירת שבת כהלכתה ח"ב (פרק נב סעיף טז, ובהערה סב) בענין המנהג למעשה. 8. כ"ה בשו"ת יוסף אומץ למרן החיד"א סימן נז, ומבאר שם באורך כמה איסורים בזה, א' דעושה בזה עוולה לזה שרוצה לקנות אותה מצוה, וכן דכזב ידבר שאין לו חפץ בהמצוה, שלישית דהוא בכלל מש"כ בפ"ק דב"ב ופקדתי על כל לוחציו וכו', דזה שרוצה לקנות לוחץ אותו עד שמפני הכבוד ומוכרח להוסיף, ועוד דזמנין דאיכא איבה בדבר ומצינו לרז"ל שתקנו כמה תקנות משום איבה. 9. ע"פ אלי' רבה או"ח סי' קנו, ורעק"א יו"ד סי' רמט, עיין בספרנו ממונם של ישראל ח"א עמוד מ' ובהערות שם. 10. אלף המגן סי' תקפה ס"ק יג, בשם שו"ת פרי הארץ. ומבואר היטב בשו"ת משנת יוסף ח"ט סי' קמח. 11. שו"ת מנחת יצחק (ח"ג סי' מז) שבט הלוי (ח"ה סי' סו, ח"ז סי' עט) לענין אשר יצר. שו"ת קנין תורה בהלכה (ח"ה סי' נו) לענין תהלים.

איך גאר שטארק, און די געדערעם ווארפן זיך מיר פאר יסורים."

נאך איידער ער האט געענדיגט רעדן, האט זיך דער שרעקליכער הוסט אנגעהויבן. ער האט געהוסט א לאנגע צייט אומאויפהערליך טיף פון די לונגען. זיין פנים איז רויט געווארן, און דער קאפ האט אים געשווינדלט. די שמערצן ביים הארץ זענען געווען שרעקליכע. ווען עס האט זיך אביסל בארואיגט, האט דער איד פארגעזעצט און געזאגט מיט טרערן אין די אויגן, "רבי! איך האב אין שטוב א פרוי און קינדער. איך בין נאך א יונגער מענטש, די מחלה רייסט פון מיר שטיקער. יעצט וועט מען מיך פארשפארן אין אן אפגעזונדערט פלאץ, אז איך זאל נישט אנשטעקן אנדערע, און דארט וועל איך מוזן זיך אויסלעבן מיט גרויסע יסורים. רבי, ראטעוועט! גיט מיר אן עצה און ברכה, אז איך זאל אויסגעהיילט ווערן פון דער קראנקהייט וואס מאכט ביטער דאס לעבן."

דער איד איז שטיל געווארן און האט געקוקט אויפ'ן רבי'ן, וואס איז געזעסן פאר'מוח'ט מיט פארמאכטע אויגן. נאך א ווייל, האט דער רבי זיך אנגערופן צו דעם איד און געפרעגט, "זאג, דו ווילסט לעבן?" "אוודאי וויל איך לעבן," האט דער איד געזאגט. "דערפאר בין איך דאך געקומען אהער, צו הערן אן עצה ווי אזוי צו ווערן אויסגעהיילט פון דער מחלה וואס וויל מיך אוועקרייסן פון דער וועלט."

"איך האב אן עצה פאר דיר," האט דער רבי אים געזאגט. "נעם זיך פאָר, אז דו וועסט זאגן ברכות מיט כוונה. יעדעס מאל וואס דו ווילסט מאכן א ברכה, שטעל זיך אפ א רגע און טראכט אריין, אז דו גייסט יעצט רעדן מיט'ן מלך מלכי המלכים ב"ה. האב אינזין בשעת דו מאכסט די ברכה דעם פשוט'ן טייטש און באדייט פון די ווערטער. אויב וועסטו דאס נעמען אויף זיך, בין איך זיכער אז דו וועסט באקומען א ניי לעבן."

דער איד האט זיך שטארק דערפריידט און זיך געזעגנט פונעם ביאלער רבי'ן. נאך יענעם טאג האט זיך אנגעהויבן זיין "ברכות פראגראם". פון דעמאלט אן, האט ער מער נישט אפגעכאפט קיין ברכות, נאר האט געזאגט יעדע ברכה מיט מחשבה, געלאסן און הויך אויפ'ן קול, אינזין האבנדיג דעם פירוש המלות. ביסלעכווייז האט זיך זיין מצב אנגעהויבן פארבעסערן, און דאס קומענדיגע מאל וואס ער איז געקומען צום דאקטער, האט זיך ארויסגעשטעלט אז די קראנקהייט האט אנגעהויבן זיך פארהיילן. אין א קורצער תקופה איז ער געווארן גענצליך אויסגעהיילט און די מחלה איז פולקאם פארשוואונדן געווארן. ער איז געבליבן א געזונטער און גליקליכער טאטע פאר זיינע קינדער.

**הפצת הגליון נתנדב**

**לז"נ הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זצוק"ל מריבניץ**
לרגל יומא דהילולא קדישא ביום אסרו חג סוכות כ"ד תשרי
**וזוג' הרבנית שרה בת הגאון ר' שלמה זצ"ל מריזינא** - יא"צ ביום כ"ה אלול
**הונצח ע"י תלמידו ידידנו הנדיב הנכבד מוה"ר משה ליב רוטנער הי"ו**
זכותו הגדול והקדוש יגן עליו ועל כל בני משפחתו לזכות לכל ההשפעות טובות מתוך שמחה ונחת

**עס קען חלילה קומען צו מחלוקת, האב איך זיך צוריקגעהאלטן. דארף מען זיך טאקע רעכענען מיט א צווייטן וואס וויל קויפן די עלי'?**

**תשובה:** די פוסקים שרייבן, אז מען זאל זיך קיינמאל נישט קריגן מקיים צו זיין א מצוה, און דעריבער איז אוודאי ריכטיג אין אזא פאל מוותר צו זיין.

אין ספר "חסד לאברהם" (להרה"ק ר' אברהם אזולאי - דער זיידע פונעם חיד"א - סי' קל"א אות ח"י) שרייבט ער: "אין קיין פאל זאל מען זיך נישט קריגן אדער מקפיד זיין ווען מען רופט אים נישט אויס צו דער תורה, אדער מען האט אים אויפגערופן צו אן עלי' וואס איז נישט לפי כבודו ודעתו, ווייל די זאך איז גורם מחלוקת און קריגעריי, און לפי האמת איז דאס אלץ (דאס קריגן זיך און מקפיד זיין) נארישקייטן, און יעדער וואס לויפט נאך דעם כבוד, לויפט דער כבוד פון אים אוועק. וואס איז דען דער מענטש, און וואס איז זיין לעבן? אויב א מענטש איז געשעצט אויבן אין הימל, איז וואס גייט אים אן דער כבוד פון א בשר-ודם; און פארקערט, אויב איז ער דערנידערט אין הימל (צוליב זיינע נישט-גוטע מעשים, מחלוקת, א.ד.ג.), איז וואס וועט עס אים צוגעבן דאס וואס מענטשן זענען אים מכבד? דאס איז א גרויסער כלל, צו זיין א מעביר על מדותיו (מוותר זיין), נישט מקפיד זיין אויף קיין שום מענטש און אויף קיין שום זאך".

אויך דער חיד"א (עבודת הקודש, מורה באצבע סי' ג אות צ-צא) שרייבט אויף דעם ענין: "ווען איינער איז עולה לתורה, זאל ער אינזין האבן מתקן צו זיין וואס ער האט פוגם געווען אין כבוד התורה, און אויב וועט ער זיך פרייען בשעת'ן לייענען די תורה, וועט דאס משפיע זיין אויף אים קדושה פון דער ספר תורה. ער זאל נישט מקפיד זיין אויף דער עלי' וואס מען גיט אים ווען עס איז נישט לפי כבודו לויט ווי ער האלט ביי זיך, ווייל דאס אלעס איז עצת היצר אים צו מאכן זינדיגן און שטערן אין עבודת ה'".

## תפילת מוסף בראש השנה

### אויב מ'איז געקומען שפעט צו די תקיעות

**שאלה: אויב איינער איז אנגעקומען שפעט אין שול, און מען האט שוין געהאלטן אינמיטן די תקיעות, אדער מען האט שוין אנגעהויבן שטילע שמונה עשרה, ווען זאל ער מאכן די ברכה אויפ'ן שופר-בלאזן?**

**תשובה:** אויב ער איז אנגעקומען ווען מען האט שוין אנגעהויבן די תקיעות, זאל ער אויסהערן די תקיעות פונעם בעל-תוקע, און דערנאך בשעת מען זאגט דעם "יהי רצון" צווישן די תקיעות, זאל ער מאכן די ברכות.

אויב מען האט שוין אנגעהויבן שטילע שמונה עשרה, זאל ער צוווארטן ביז מען בלאזט ביי הויכע שמונה עשרה, און ביי די תקיעות פון שטילע שמונה עשרה זאל ער אינזין האבן אז ער וויל יוצא זיין דעם ענין פון די "מאה קולות" (די תקיעות וואס מען בלאזט מער ווי די מצוה), אבער די מצוה פון תקיעת שופר וויל ער נישט יוצא זיין ביז די תקיעות פון הויכע שמונה עשרה, און פאר'ן בלאזן ביי הויכע שמונה עשרה זאל ער מאכן די ברכות.[10]

### זאגן תהילים אדער "אשר יצר" פאר'ן ענדיגן אלע תקיעות

**שאלה: צי מעג מען זאגן תהילים אדער די ברכה "אשר יצר" נאך שטילע שמונה פון מוסף ראש השנה, פאר מען הייבט אן הויכע שמונה עשרה, כאטש מען טאר נישט מפסיק זיין נאך דער ברכה אויף די תקיעות ביז מען ענדיגט בלאזן אלע תקיעות?**

...ווייל א ברכה מיט כוונה עפנט אויף די טויערן אין הימל, און עס ברענגט שמירה און שוץ פאר'ן מענטש. זאגן ברכות מיט כוונה איז א גוטע און ווירקזאמע סגולה.

לאמיר נעמען אויף זיך צו מאכן ברכות מיט כוונה. דאס טוט אונז ראטעווען פון אלעם בייזן, און ברענגט אונז צו להניח ברכה אל תוך בתינו מיט אלע השפעות טובות.

## אחת שאלתי - שבתי בבית ה'

לכבוד מכון הליכות החיים,

יעצט, ערב די הייליגע טעג, דארפן מיר מאכן די ריכטיגע הכנות מיט התחזקות בתורה, ווי עס שטייט אז פון חמשה עשר באב דארף מען מוסיף זיין אין לימוד התורה.

פאלגנד איז א מעשה וואס עס האט דערציילט א איד, א תלמיד חכם, וועלכער איז היינט א מגיד שיעור און מזכה את הרבים.

אסאך יארן צוריק, האט דער איד זיך געמוטשעט א שטיק צייט מיט פרנסה. עס האט אים דעמאלט איינער דערציילט אז עס איז דא א גרופע אינגעלייט וואס האבן געגרינדעט צוזאמען א חבורה צו לערנען אינעם ספר "אור החיים" הק', האט ער געטראכט צו זיך, אז געבן צו עסן פאר אידן איז מסוגל פאר פרנסה, און געבן דעם לימוד "אור החיים" איז אויך מסוגל אויף פרנסה, ווי דער אור החיים הק' שרייבט אין דער הקדמה. אויב אזוי, וועט ער ברענגען קוגל מהנה צו זיין אידן ביים לערנען אור החיים הק', און דאס וועט אוודאי זיין א דאפלטע סגולה אז ער זאל אויפגעראכטן ווערן.

א שטיק צייט האט ער אזוי געטון, אבער עס האט זיך נישט דערקענט קיין שום פארבעסערונג אין זיין פרנסה. מיר ווייסן דאך - דערציילט דער איד - אז ארעמקייט פירט אראפ דעם מענטש פון גראדן שכל. איין טאג, ווען ער איז געווען שטארק געדריקט אין פרנסה, נישט קענענדיג דעקן די טעגליכע הצטרכות'ן, האט ער קומענדיג אין בית המדרש געטראכט צו זיך: איך טו דאך פאר'ן אור החיים הק', און איך זע נישט אז די סגולה זאל ארבעטן (כאטש מיר ווייסן נישט די וועגן פונעם רבוש"ע, און עס זענען געוויס דא סיבות פארוואס עס האט אזוי געדארפט זיין).

ער איז צוגעגאנגען צו דער ספרים-שאפע און ארויסגענומען א ספר אור החיים און האט זיך "מזכיר געווען", זאגנדיג, "הייליגער צדיק! איר האט דאך געשריבן, אז לערנען דעם הייליגן ספר איז מסוגל פאר פרנסה, און דא בין איך זיך משתדל יעדע וואך צו העלפן אידן לערנען, אבער עס זעט זיך דערווייל נישט אן די ישועה. איך בעט דיר, עס זאל מיר אנטפלעקט ווערן די

**תשובה:** עס איז מותר. אויך מעג מען בעטן בקשות אויף אידיש און עס הייסט נישט קיין הפסק.[11]

אזוי אויך קען מען זאגן "אשר יצר" נאך שטילע שמונה עשרה אדער אינמיטן די פיוטים.

אויב מ'דארף מאכן "אשר יצר" ווען מ'האלט שוין מער צום ענדע פון היוכע שמונה עשרה, ווען ס'איז שוין נישט צי לאנג ביז ווען מ'וועט ענדיגן אלע תקיעות, זאל מען בעסער אויסווארטן מיט'ן זאגן "אשר יצר" ביז נאך אלע תקיעות.[12]

### דאווענען שנעלער מיטצוהאלטן די תקיעות

**שאלה: איך דאוון נישט אזוי שנעל, און ווען מען הייבט אן בלאזן שופר האלט איך נאך אינמיטן זאגן שמונה עשרה, צי דארף איך זיך אונטעראיילן צו ענדיגן פאר מען בלאזט?**

**תשובה:** מען קען דאווענען רואיג, און ווען מען קלאפט אויס צום בלאזן זאל מען געדענקען וואו מען האלט, און נאך די תקיעות ממשיך זיין.[13]

### געזאגט יהי רצון פאר'ן טועם זיין

**שאלה: אויב מען האט געמאכט די ברכה אויף'ן עפל מיט האניג ראש השנה ביינאכט, און מען האט בטעות געזאגט "יהי רצון שתחדש וכו'" פאר מען האט געגעסן אביסל, צי דארף מען איבערמאכן די ברכה?**

**תשובה:** בדיעבד דארף מען נישט איבערמאכן די ברכה.[14]

### זיך אראפלייגן ראש השנה אויב מ'האט קאפ-וויי

**שאלה: איינער וואס האט קאפ-וויי און קען נישט דאווענען געהעריג, צי קען ער זיך אראפלייגן כדי צו קענען דאווענען מיט כוונה?**

**תשובה:** ער קען זיך אראפלייגן, בפרט נאך חצות, וואס לויט אסאך פוסקים גייט נישט אן נאך חצות דער ענין פון נישט שלאפן ראש השנה.[15]

## דאווענען אין ימים הנוראים

### אמן אויף א ברכה פון שטילע שמונה עשרה

**שאלה: אין די הייליגע טעג זענען דא אסאך וואס דאווענען די שטילע שמונה עשרה אביסל הויך, אנדערש ווי געוועגליך וואס מען איז מקפיד דווקא צו דאווענען אינגאנצן שטיל. אויב איינער האט שוין געענדיגט שטילע שמונה עשרה און ער הערט ווי א צווייטער ענדיגט א ברכה פון שמונה עשרה, צי דארף ער ענטפערן אמן?**

**תשובה:** מען זאל נישט ענטפערן אמן, ווייל די ברכה איז פון שטילע שמונה עשרה, וואס מען ענטפערט נישט דערויף אמן.[16]

### ענטפערן אמן פאר מען ענדיגט דאס גאנצע ווארט

**שאלה: עס מאכט זיך אסאך (און נאך מער אין די הייליגע טעג) אז מען ענטפערט אמן נאכ'ן שליח ציבור ווען ער האט נאכנישט געענדיגט ארויסזאגן דעם סוף פונעם ווארט. צי איז דאס אויסגעהאלטן?**

**תשובה:** איינע פון די גאר-וויכטיגע הלכות ביים ענטפערן אמן איז, אז מען טאר נישט ענטפערן פאר דער בעל-תפילה א.ד.ג. האט נישט געענדיגט זאגן דעם סוף פונעם לעצטן ווארט פון דער ברכה אד"ג. חז"ל רעדן

סיבה פארוואס איך מוטשע זיך אזויפיל און עס גייט מיר נישט די פרנסה, איך קען עס נישט מער איבערטראגן."

דאן האט ער געעפנט דעם אור החיים הק', און עס האט זיך אויפגעמישט צו פרשת תבוא, וואו דער אור החיים הק' רעדט פון לימוד התורה און זאגט אז דער וואס פארלאזט די תורה, איז עס ווי ער פארלאזט, כביכול, דעם אויבערשטן, און אפילו אויב ער איז מקיים אלע מצוות עשה און לא תעשה, אבער אויב לערנט ער נישט די תורה, איז חס ושלום נישטא ביי אים קיין ברכה.

יעצט האט זיך דער איד געכאפט ביים קאפ, געוואלד! שוין א לאנגע צייט וואס ער איז פארנאכלעסיגט אינעם קביעות עתים לתורה. די סגולות וואס ער טוט פאר פרנסה זענען טאקע חשוב'ע און הייליגע סגולות, אבער אז עס פעלט לימוד התורה, איז ווי אזוי וויל ער אז עס זאל זיין ביי אים א ברכה?

ער האט מקבל געווען אויף זיך פון היינט אן קובע צו זיין שיעורים לתורה מיט א ריכטיגן קביעות, און פון דעמאלט אן האט זיך, ברוך ה', אנגעזעצן אן ענדערונג אין זיין פרנסה-מצב. היינט צו טאג איז ער אויך א מרביץ תורה פאר אידן.

צום שלוס: עס איז דא א מורא'דיגע ווארט פונעם הייליגן "חת"ם סופר" אויף'ן קאפיטל תהילים "לדוד ה' אורי וישעי" וואס מיר זאגן אין די הייליגע טעג.

חז"ל זאגן, אז מען זאל נישט בעטן מער ווי איין בקשה אויפאמאל. ווען א איד איז מתפלל, בפרט אין די הייליגע טעג, בעט מען בקשות נאך בקשות, און מען וויל אז אלע בקשות זאלן ערפילט ווערן.

דערפאר זאגט מען, "אחת שאלתי", די פילצאליגע בקשות זענען באמת איינס, ווייל אלעס איז מיט איין ציל, "שבתי בבית ה' כל ימי חיי", אז איך זאל קענען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת, און דערצו דארף מען האבן בני חיי מזוני און אלע השפעות טובות.

ויהי רצון, מיר זאלן קענען לערנען מיט הרחבת הדעת און זוכה זיין צו א שנה טובה ומתוקה מיט אלע גוטע השפעות טובות.

## א קליינע קבלה - אבער מיט א פעסטקייט

פאלגנד איז א סיפור נפלא איבער'ן כח פון א קבלה טובה וואס מען מיינט עס מיט אן אמת. די מעשה האט דערציילט דער רב אין נתיבות, הרה"ג ר' פינחס כהן שליט"א.

א פאר יאר צוריק האט מען מיר גערופן קיין רמת גן מנחם אבל זיין א משפחה וואו דער

א מתנה פאר כלל ישראל




אצל
מוכרי ספרים
או המחבר
845.641.9496

ראש השנה
יום הקדוש
חג הסוכות
שמיני עצרת
ושמחת תורה
אסרו חג

**גליון המוגדל נתנדב**

לזכרו הבהיר של איש חסיד, כיבד את ה' מהונו ומגרונו, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה,
היה כולו טוב וחסד והלך לפניו צדקתו הגדולה אשר פעל ועשה למען הכלל והפרט
**הרה"ח ר' שמואל ב"ר שלמה מרדכי ע"ה וואסערמאן**
**במלאות השנה לפטירתו ביום כ"ג אלול**
**הונצח ע"י בני משפחתו שי'**
יהי רצון שימליץ טוב בשמי מרומים בעדם ובעד כל בית ישראל

שטארק פון דער הארבקייט דערפון, און מען דארף דערויף שטארק אכטונג געבן[17].

אזוי אויך דארף דער שליח ציבור אכטונג געבן, נישט צו מאריך זיין ביים לעצטןווארט, נאר עס זאגן געגוג שנעל אז דער ציבור זאל נישט נכשל ווערן מיט'ן ענטפערן אמן פאר ער ענדיגט אינגאנצן ארויסזאגן דאס ווארט[18].

### מען האט זיך צעהוסט פאר'ן "המלך הקדוש"

**שאלה: אויב מען האט געזאגט "הקל הקדוש", און מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור", וואס די הלכה איז אז מען קען באלד זאגן "המלך הקדוש" און מען דארף נישט צוריקגיין צום אנהייב שמונה עשרה, אבער מען האט אנגעהויבן הוסטן א.ד.ג., צי קען מען נאך זאגן "המלך הקדוש", אדער מען דארף אנהייבן נאכאמאל שמונה עשרה?**

**תשובה:** מען זאל צוריקגיין צום אנהייב שמונה עשרה, וויבאלד מען האט נישט געזאגט "המלך הקדוש" "תוך כדי דיבור".

אזוי אויך אויב מען האט זיך געכאפט "תוך כדי דיבור", אבער מען האט אנגעהויבן טראכטן וואס מען דארף טון, און עס איז אריבער דער שיעור פון "תוך כדי דיבור", דארף מען אנהייבן נאכאמאל שמונה עשרה[19].

אויב מען האט א ספק צי עס איז נאך "תוך כדי דיבור", דארף מען נישט צוריקגיין צום אנהייב שמונה עשרה[20].

### שטיין בשעת מען טראגט די ספר תורה

**שאלה: איך דאוון אין א גרויסן בית המדרש און עס נעמט צייט ביז מען טראגט די ספר תורה צו דער בימה, און אויך זעט מען נישט דעמאלט די ספר תורה. צי דארף מען שטיין ביז מען קומט אן מיט דער ספר תורה צו דער בימה, אדער וויבאלד מען זעט נישט די ספר תורה דארף מען נישט שטיין?**

**תשובה:** דער מנהג איז צו שטיין ווען מען עפנט דעם ארון הקודש ארויסצונעמען די ספר תורה, און מעיקר ההלכה דארף מען שטיין ווען מען נעמט ארויס די ספר תורה ביז מען לייגט עס אראפ אויף דער בימה, אבער אין א גרויסן בית המדרש וואס עס נעמט א פאר מינוט ביז מען טראגט די ספר תורה צו דער בימה, און רוב ציבור קען נישט זען דעם ספר תורה בשעת מען טראגט עס, כאטש מען ווייסט אז מען טראגט יעצט די ספר תורה, דארף מען מעיקר ההלכה נישט שטיין[21].

**12.** כשברור לו שלא ישכח לברך ברכת אשר יצר לאחר מכן. **13.** מטה אפרים סי' תקצא סעי' יג: ואם יש יחידים שמאריכים יותר מהש"ץ ולא הגיעו לסיום הסדר והש"ץ מתחיל לתקוע יש להם לשתוק ולכוון אזניהם לתקיעת הש"ץ ולא יאמרו היום הרת עולם במקום שעומדים שם עד שיגיעו לסיום ברכת הסדר ואז יאמרו היום הרת עולם. ועי' שו"ת אבני נזר או"ח סי' תמה, וזלה"ק: ומעיד אני ששמעתי מחמי אדמו"ר הקדוש זצ"ל מקאצק בזה הלשון "עוד אני עוסק במלכיות ותוקעים לזכרונות" ומכל מקום לא צוה להמתין עליו. וגם לא חשש למהר עצמו עם התפלה כדי שיבואו התקיעות על סדר ברכותיו. ואדמו"ר זצ"ל מגור עוד הי' מאריך יותר בתפילתו. וכשהגיע השליח ציבור לזכרונות עוד הי' מתפלל בלחש. כן ראו ממנו בעודו בקאצק", עכלה"ק וע"ע שו"ת מנחת אלעזר (ח"ד סי' לז). **14.** מטעם דהוי כשיחה בדברים מענין דברים שמברכין עליו, שאז א"צ לחזור ולברך, כמפורש באו"ח סי' קסז סעי' ו'. וכ"ש בנידון דידן שלדעת כמה פוסקים אומרים הבקשה בין הברכה לאכילה, עי' סי' תקפג מג"א סק"ב בשם מעגלי צדק. **15.** משנ"ב סי' תקפג סק"ט, ועי' שעה"צ סק"י, וכ"ה בקיצושו"ע סי' קכט. **16.** עי' חכמת שלמה (סי' קכד) שהביא ספק בזה, וכן נסתפק במשמרת שלום (סי' יא אות ב), ולכן נכון להימנע בזה, אך בדיעבד ששמע או שזהו מקומו הקבוע, כתבו הפוסקים (הליכות שלמה הל' תפלה ח, לב. שבט הלוי ח"ג סי' טו) שאין לענות אמן. אכן המט"א (אלף המגן סי' תקפב ס"ק מג) מצדד שבר"ה ויוכ"פ כיון שמדינא דשו"ע יש להקל להתפלל קצת בקול, יש לצדד שיענה אמן (כמובן כשהוא אינו עומד באמצע תפלת שמו"ע). **17.** או"ח קכד סעי' ח', לא יענה אמן חטופה וכו', וכן שלא יחטוף וימהר לענות אותו קודם שיסיים המברך. ובמשנ"ב: ר"ל שימתין עד שיסיים הש"ץ כל התיבה אחרונה לגמרי, ויש אנשים שמתחילין לענות בעוד שהש"ץ עומד עדיין בחצי תיבה אחרונה, וזה אסור. **18.** ע"ע פסקי תשובות סי' קכד הערה 129 בשם החזו"א. **19.** שמירת שבת כהלכתה ח"ב פמ"ז הערה קצה בשם הגרשז"א. **20.** ככל ספק ברכות להקל. **21.** עי' יו"ד סי' רפב סעי'

ראש המשפחה איז נעבעך אוועק פון דער וועלט יונגערהייט. ווען איך בין אנגעקומען, זענען די אבלים געזעסן אין א גרויס געצעלט, ווי עס איז איינגעפירט ביי די עדות המזרח, און מען האט געפראוועט דארט א סעודה גדולה. דער ציבור איז על-פי רוב געווען אזעלכע וואס האבן ליידער נישט געהיטן תורה און מצוות, און איך האב געזען אז עס איז דא א געלעגנהייט משפיע צו זיין אויף זיי.

איך האב זיך אויפגעשטעלט און שטיל געמאכט דעם עולם און גערעדט צו זיי א פאר ווערטער, זאגנדיג, "איר זאלט וויסן, אז דאס עסן און טרינקען דא טוט נישט קיין שום טובה פאר'ן נפטר, וואס ער איז יעצט אויבן אין הימל און מען הייבט אן נאכקוקן זיינע מעשים אויף דער וועלט. ער דארף און קוקט ארויס אויף 'מתנות'. יעדע גוטע פעולה וואס מען טוט דא אויף דער וועלט און מען זאגט אז עס זאל זיין א טובה פאר זיין נשמה מאכט אים גרינגער אויף יענער וועלט, און עס פארשנעלערט אים דעם וועג צום גן עדן."

ווען איך האב געענדיגט זאגן די דרשה, איז צוגעקומען צו מיר א פרוי און זיך אנגערופן: "כבוד הרב, דער נפטר איז געווען א ברודער מיט מיין מאן. זיין פטירה אין אזא יונגן עלטער האט מיך צעבראכן. וואספארא מצוה קענען מיר טון צו שיקן דערמיט 'מתנות' פאר'ן נפטר?"

איך בין געווען אין א פארלעגנהייט. וואס זאל איך איר פארשלאגן? זאל איך רעדן וועגן שמירת שבת, צניעות, אדער עפעס אנדערש? זיי זענען דאך אזוי ווייט דערפון, נעבעך אזוי ליידיג פון מצוות.

איך האב געטראכט און געטראכט, און דאן האב איך איר געראטן צו נעמען אויף זיך די מצוה פון נטילת ידים. דאס הייסט, אז יעדן צופרי ווען מען שטייט אויף פון שלאף זאל מען זיך אפגיסן נעגל-וואסער, און אזוי אויך ווען מען וויל עסן ברויט זאל מען זיך פריער וואשן די הענט. איך האב איר אויסגעלערנט ווי אזוי מען גיסט זיך אפ אינדעפרי ווען מען שטייט אויף, און ווי אזוי מען וואשט זיך די הענט פאר מ'עסט ברויט. [כידוע פון חז"ל, אז די מצוה פון נטילת ידים האט א כח ארייינצוברענגען אינעם מענטש א רוח טהרה און אים איבערדרייען אינגאנצן לטובה.]

דאס האט איר אויסגעזען ווי א גרינגע זאך צו נעמען אויף זיך, האט זי געפרעגט, "איר זענט זיכער אז דאס וועט זיין א מתנה אין הימל פאר אונזער שוואגער?" "אוודאי," האב איך געענטפערט. "עס איז א גאר חשוב'ע און הייליגע מתנה, אבער נאר בתנאי אז איר וועט דאס פעסט איינהאלטן אין יעדן מצב."

**מדור זה נתנדב**

**לזכר נשמת האשה החשובה**

מרת **פיגא** בת ר' **יחזקאל שרגא** ע"ה

**לונגער**

נפטרה ביום ז"ך אלול

יהא זכרה ברוך

**הונצחה ע"י בני משפחתה**

### שטיין ווען מען עפנט דעם ארון הקודש ביי די פיוטים

**שאלה: צי איז דא א חיוב צו שטיין ווען מען עפנט דעם ארון הקודש ביי די פיוטים אין די הייליגע טעג?**

**תשובה:** מעיקר הלכה איז מען נישט מחוייב צו שטיין, אבער עס זענען דא וואס זענען מהדר צו שטיין[22].

## זאגן סליחות

### זאגן סליחות אויב מען וועט פארפאסן זמן תפילה

**שאלה: אויב מען איז אויפגעשטאנען שפעט און עס איז שוין נאענט צום סוף זמן תפלה, און עס שטעלט זיך יעצט דער לעצטער מנין סליחות, און נאכ'ן דאווענען וועט נישט זיין קיין מנין אויף סליחות און מען וועט דארפן זאגן סליחות ביחידות, צי זאל מען זאגן סליחות מיט מנין און צוליב דעם דאווענען נאכ'ן זמן תפילה?**

**תשובה:** מען זאל דאווענען בזמן און נאכ'ן דאווענען זאגן סליחות ביחידות, ווי דער חיד"א[23] זאגט אז מען זאל נישט אויפטוישן דעם עיקר, ד.ה. די תפילה בזמן, מיט די סליחות וואס זענען א טפל לגבי תפילה, ווייל ס'איז יצא שכרו בהפסדו.

### שטיין ביים זאגן סליחות

**שאלה: צי דארף מען שטיין ביים זאגן סליחות?**

**תשובה:** לכתחילה זאל מען שטיין. אן עלטערער איד וואס עס איז אים שווער צו שטיין, זאל זיך אויפשטעלן, אויב מעגליך, ביים זאגן די י"ג מדות און אזוי אויך ביי ווידוי, "אשמנו וכו'"[24].

## הלכות לבעלי תפילה

### א שלונג וואסער אינמיטן דאווענען

**שאלה: א בעל-תפילה וואס דאווענט פאר'ן עמוד און דאס האלז פילט זיך אים שטארק אויסגעטריקנט, צי קען ער א שלינג געבן א קליין ביסל וואסער אינמיטן דאווענען [צ.ב.ש. ביי די פיוטים], כדי צו קענען פארדאווענען ווי עס דארף צו זיין?**

**תשובה:** אינמיטן דאווענען טאר מען נישט מפסיק זיין, אבער אין דעם פאל, וויבאלד עס פעלט אויס צום דאווענען, קען מען אזוי טון, און וויבאלד ער טרינקט נישט צוליב דארשט דארף ער נישט מאכן קיין ברכה[25].

### א בעל-תפילה וואס ווערט באצאלט פאר'ן דאווענען

**שאלה: א בעל-תפילה וואס וויל באצאלט ווערן פאר'ן דאווענען ראש השנה און יום כיפור, ווי אזוי קען ער דאס טון אז עס זאל נישט זיין קיין "שכר שבת"?**

**תשובה:** אויב מען מאכט נישט אפ קיין פרייז, נאר ער נעמט וואס מען גיט אים, איז נישטא קיין איסור פון "שכר שבת".

אויב ער בעט אבער א פרייז, און די וועלכע באשטעלן אים זענען זיך מתחייב דערצו, איז כאטש מעיקר ההלכה איז דאס מותר וויבאלד עס איז לצורך מצוה, שטייט אבער

◄

די פרוי איז אהיים א צופרידענע. און שפעטער האט זי דערציילט איר מאן דערוועגן און גיזאגט, "לאמיר נעמען די זאך אויף זיך. עס איז א זאך וואס וועט נישט זיין צו שווער, און פאר דיין ברודער וועט דאס זיין א גרויסע מתנה אין הימל." דער מאן האט מסכים געווען דאס צו נעמען אויף זיך.

איך האב שוין לאנג גיהאט פארגעסן פון דער מעשה," דערציילט הרב פינחס כהן. "עס איז אריבער א יאר און א האלב, און איין טאג קומט אריין צו מיר אין בית הוראה א פרוי מיט א שאלה אין הלכה, און זי פרעגט, "צי ווייסט דער רב ווער איך בין?" "ניין," האב איך גיענטפערט, "איך ווייס נישט." "איך בין די פרוי, וואס דער רב האט מיר אנדרהאלבן יאר צוריק גיראטן צו נעמען אויף זיך די מצוה פון נטילת ידים אלס א מתנה פאר מיין שוואגער'ס נשמה," האט זי גיזאגט.

איך האב זיך באלד דערמאנט אין דער מעשה און נישט גיעקענט גלייבן וואס עס איז געשען מיט דער פרוי, ווי איז זי גיווארן אזוי נאענט צו אידישקייט.

"איך פארשטיי," האט זי גיזאגט, "אז דער רב וואונדערט זיך אויף מיין פרומקייט, ווי איך האב אזוי געענדערט מיין לעבנס-שטייגער. פאסירט האט דאס א תקופה נאך דער שבעה פון מיין שוואגער. מיר זענען געווען זייער ערשיטערט פון אומגליק מיט זיין פריצייטיגן אוועקגיין פון דער וועלט, און מיר זענען געפארן אויף אן אויספלוג אין אינדיע.

"דעם ערשטן צופרי זייענדיג אין אינדיע, האבן מיר גענומען א טאשקע מיט אביסל ברויט און וואסער און זיך ארויסגעלאזט אויף א שפאציר צו די בערג און שיינע פלעצער. זעט אויס, מיר האבן אביסל געבלאנדזשעט, און דאס וואסער וואס מיר האבן גיהאט מיט זיך האט זיך שנעל אויסגעלאזט. פלוצלינג האבן מיר גיזען א פעלד מיט שוועמלעך וואס מען קען עסן. אבער שוועמלעך אליין איז דאך נישט אינטערעסאנט, האבן מיר דאס גיוואלט עסן מיט ברויט, אבער יעצט האט זיך ארויסגעשטעלט א פראבלעם: נטילת ידים. מיר האבן נישט קיין וואסער, און מיר עסן דאך נישט קיין ברויט אן זיך וואשן די הענט. איך בין ארומגעגאנגען זוכן וואסער אין דער גאנצער געגנט ארום און נישט גיטראפן. 'פארפאלן,' האב איך גיזאגט פאר מיין מאן. 'עס איז נישטא קיין וואסער.'

"'איז וואס זאלן מיר טון?' האט מיין מאן געפרעגט. 'ווילסט מיר זאלן הונגערן? דאסמאל וועלן מיר עסן אן זיך וואשן די הענט.'

"'אויף קיין פאל נישט,' האב איך גיזאגט. 'דיר קען איך נישט זאגן וואס צו טון, אבער איך וועל

---

ב', דלדעת המחבר צריך לעמוד עד שיתכסה מעיניו, ולדעת הרמ"א צריך לעמוד גם אם שומע קול הנושא אע"פ שאינו רואהו. ומשמע דבדליתנהו לתרווייהו א"צ לעמוד. **22.** עי' ביאור כל השיטות באריכות, בספר ישראל במעמדם פרק לה, סעיף יז. **23.** עבודת הקודש מורה באצבע אות רמה. **24.** מטה אפרים סי' תקפא סעיף יח. **25.** עי' מש"כ בזה בשו"ת מקדש ישראל (להגרי"ד הארפענעס שליט"א) בהל' ר"ה. ולענין שאי"צ ברכה עי' בביאוה"ל סי' רד שמדקדק מדברי הרמב"ם דכל שתי' שאינו 'לצמאו' הוי בכלל חנקתיה אומצא דמבואר בשו"ע שם שאין לברך, והגם שבמשנ"ב לא החליט כן, אבל בשו"ת שבט הלוי (ח"ט סי' מב) סמך על זה לענין לקיחת תרופה, ובדעת תורה למהרש"ם (סי' רד אות ז) כתב כן אף בצריך להכניס נוזלים לגוף או בערב תענית כשעדיין אינו צמא, ועפ"ז צידדו מגדולי זמננו בנידון דידן שגם השתיה של מי שניחר גרונו אינה אלא ללחלח את מיתרי גרונו והנאתו היא רק שמשתחרר היובש בגרונו ולא שהוא נהנה מעצם המים, לכן א"צ לברך. ויש לעיין עוד. והנה מובא בלקט רשימות בדיני תפילה בשם גדולי הפוסקים בענין זילוף ספרע"י לגרונו באמצע התפילה בלי כל טעם, כשקשה לו להמשיך להתפלל בלי זה, והשיב שאין כל חשש לעשות כן באמצע התפילה ואדרבא בזה יוכל להתפלל טוב יותר כו'. **26.** או"ח סי' שז, ובמשנ"ב ס"ק כג. **27.** משנ"ב סי' שז ס"ק כד. **28.** סי' שז סעיף ד', ובמשנ"ב שם ס"ק יט. **29.** עי' ברכי יוסף סו"ס תקפ"ה באריכות אם שווה התוקע לחזן. **30.** עי' מחה"ש סי' שו סק"ט בא"ד שכ' דבתקיעה דלא שייך בהבלעה, אך בספר אוצר ההלכה הביא שכן הי' נהוג בירושלים שכאשר שוכרים תוקע מתנים עמו לתקוע ג"כ באיזה ימים של הסליחות, בכדי שיהיה שכר שבת וי"ט בהבלעה. **31.** רמ"א סי' תרו סעיף א'. **32.** עי' אלף המגן (על מט"א) סי' תרו ס"ק ח'. **33.** עי' מטה אפרים סי' תרו סעי' ג': אם זה שחטא לחבירו אינו מתעורר לילך לזה לבקש מחילה, יש לו להאיש העלוב להמציא עצמו אצל אותו שחטא לבקש ממנו מחילה. **34.** עי' מועדים וזמנים (להגר"מ שטרנבוך שליט"א) ח"א סי' נה ובתו"ד שעצם בקשת המחילה הוא חלק מן הכפרה. אך עי' בשו"ת אז נדברו (ח"ח סימן סח) שהאריך בכל הפרטים [ומה שציין בתו"ד לשאר תשובותיו בנידון] ומשמע שכל שיודע שהלה בוודאי מחל בלב שלם, א"צ לבקש בעצמו, וע"ש עוד.

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו הנדיב הנכבד

**מוה"ר פישל ציגלהיים הי"ו**

לרגל השמחה במעונו באירוסי בתו **הכלה החשובה** תחי' - עב"ג **החתן ישעי'** ני"ו בן ידידנו הרב **חיים יעקב צבי גרויס** שליט"א - למז"ט בשעטומ"צ

יהי רצון שיזכו לרוות רוב תענוג ונחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

אז מען זעט נישט דערין קיין סימן ברכה, וואס דאס מיינט אז דאס געלט וואס מען פארדינט דערפון פארלירט מען ערגעץ אנדערש[26].

### די עצה צו רעכענען "בהבלעה"

די עצה צו קענען בעטן א פרייז איז צו נעמען דאס געלט "בהבלעה" ("איינגעשלונגען"), ד.ה. אז ער זאל דאווענען דארט אויך אינדערוואכן א תפילה וואס האט א פרייז, צ.ב.ש. הלל ראש חודש, אדער סליחות די ערשטע נאכט אדער ערב ראש השנה, און בעטן איין גרויסן סכום פארביידע צוזאמען, צ.ב.ש. דריי טויזנט דאלער פאר ראש השנה און פאר סליחות אדער הלל פון ראש חודש אינאיינעם[27].

מען זאל אבער נישט מאכן א באזונדערן פרייז פאר'ן דאווענען ראש השנה און א באזונדערן פרייז פאר דער וואכנדיגער תפילה א.ד.ג., ווייל דעמאלט הייסט עס נישט "בהבלעה" כאטש מען צאלט עס צוזאמען[28].

### צאלן א בעל-תוקע

אזוי איז אויך די הלכה לגבי א בעל-תוקע[29], אז מען זאל רעכענען נאר "בהבלעה", צ.ב.ש. רעכענען איין פרייז צוזאמען פאר'ן בלאזן ראש השנה און פאר דער צייט וואס מען בלאזט ביי זיך אין שטוב א.ד.ג. דורכאויס חודש אלול זיך צו גרייטן און איינגעוואוינען צו בלאזן[30].

## בעטן מחילה פונעם חבר

### מוחל זיין אויב יענער קומט נישט איבערבעטן

**שאלה: מיין חבר האט מיר שטארק מצער געווען און ווייסט אז איך האב א שווער הארץ אויף אים, און ער קומט ער נישט מיר איבערבעטן. צי מוז איך אים על-פי הלכה מוחל זיין?**

**תשובה:** אין שולחן ערוך ווערט גע'פסק'נט, אז עס ליגט א חיוב איבערצובעטן וועם מען האט מצער געווען און יענער זאל נישט זיין קיין אכזר און זאל מוחל זיין[31].

דער חיוב מוחל צו זיין איז נאר אויב יענער קומט איבערבעטן, אבער אויב מען איז אים מוחל אפילו ווען ער קומט נישט איבערבעטן, איז דער שכר זייער גרויס, ווי חז"ל זאגן אויף דער גרויסקייט פון זיך פירן לפנים משורת הדין[32].

### אויב יענער ווייסט נישט אז ער האט מצער געווען

אויב מען טראכט אז יענער ווייסט נישט אז ער האט מצער געווען, זאל מען אים מודיע זיין, אליין אדער דורך א שליח, כדי יענער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון איבערבעטן כדת וכדין[33].

### גיין איבערבעטן ווען יענער איז מוחל

**שאלה: איך האב מצער געווען א איד בשוגג און כ'בין נאכנישט אנגעקומען אים איבערצובעטן. לעצטנס האט מיר איינער געזאגט אז דער איד האט אים געזאגט אז ער האלט נישט אין הארץ קיין שנאה אויף קיינעם, און ווען איינער איז אים מצער, איז ער יענעם באלד מוחל. צי מוז איך אים נאך אלץ איבערבעטן?**

**תשובה:** עס איז דא א חיוב איבערצובעטן און הערן פון יענעם אז ער איז מוחל און זיך נישט פארלאזן אויף דעם וואס יענער האט געזאגט פאר א צווייטן אז ער איז מוחל.

נאכמער: אפילו אויב מען ווייסט אז יענער האט געזאגט פאר איינעם קלאר אז ער איז אים מוחל בלב שלם, זאל מען גיין בעטן פון

בעסער בלייבן הונגעריג און נישט עסן ברויט אן זיך וואשן. איך האב געגומען אויף זיך די איין זאך אלס א מתנה פאר דיין ברודער, און דער רב האט מיר געזאגט אז איך מוז דאס איינהאלטן אין יעדן מצב.'

"מיין מאן האט גענומען די שוועמלעך און אנגעהויבן דאס צוצועסן צום ברויט מיט גרויס אפעטיט. עס זענען אריבער נישט מער ווי א פאר מינוט, און איך האב געזען ווי ער ווערט בלוי... עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז די שוועמלעך געווען גיפטיג!

"איך האב שנעל גערופן הילף. דערווייל האט מיין מאן פארלוירן דאס באוואוסטזיין. עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז עס איז אנגעקומען אן אמבולאנס און אים אפגעפירט צום שפיטאל. דארט איז ער געלעגן דריי וואכן, ביז מען האט אים אויסגערייניגט דעם מאגן לויט די בעסטע מעגליכקייטן אין אזא צוריקגעשטאנענע מדינה ווי אינדיע. די רגע וואס ער איז ארויס פון דער סכנה, זענען מיר אפגעפליגן צוריק קיין ארץ ישראל, וואו ער איז אפגעלעגן נאך א פאר וואכן אין שפיטאל ביז ער איז אויסגעהיילט געווארן.

"ווען ער איז אהיימגעקומען פון שפיטאל, האט ער מיר געזאגט, 'איך טראכט צו מיר, אז מיר האבן ביידע אינאיינעם גענומען אויף זיך איין מצוה, אבער אין א מינוט פון א נסיון, ווען עס האט זיך מיר שטארק געגלוסט, האב איך זיך נישט געקענט שטארקן און געגעסן די שוועמלעך מיט'ן ברויט אן וואשן די הענט, און כ'בין שיער נישט אנגעקומען אויף יענער וועלט צו מיין ברודער... אבער דו האסט זיך יא געשטארקט און נישט געגעסן, און קוק ווי דו האסט זיך פארשפאָרט די אלע פראבלעמען.

"'אויב דאס איז דער כח פון א מצוה,' האט מיין מאן אויסגעפירט, 'דארפן מיר זיך מער נאכפרעגן איבער די מצוות.'

"מיר זענען געגאנגען צו א סעמינאר פון 'ערכים' און זענען שטארק באאיינפלוסט געווארן און אנטפלעקט דעם אמת. היינט צו-טאגס קומען פאר ביי אונז אין שטוב דריי מאל א וואך שיעורים אין תורה און תפילה, און מיר זענען מחזק אנדערע מענטשן זיך צו פירן ערליך."

גיט א קוק - פירט אויס הרה"ג ר' פינחס - ווי איין קליינע קבלה, וואס זעט אויס ווי א גרינגע זאך, נטילת ידים כדת וכדין, האט געראטעוועט די פרוי ווען זי האט דאס איינגעהאלטן מיט א פעסטקייט, און עס האט משפיע געווען אויף ביידן פון זיי זיך צוריקצוקערן צום דרך הישר.

איר קענט אריינשיקן שאלות צו "הליכות החיים" 4592885mhh@gmail.com
אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

אים מחילה און זאגן אז מען האט חרטה, אדער אז עס איז געווען אומווילנדיג (לויט'ן מציאות), אזוי אז יענער זאל הערן די בקשת מחילה און זאגן אז ער איז מוחל[34].

### עד שירצה את חבירו

דער של"ה הק' שרייבט, אז אויב מ'האט מצער געווען א חבר, אפילו מיט ווערטער, קען מען נישט פטור ווערן פון דער עבירה נאר אויב מ'גייט יענעם איבערבעטן.

דער של"ה הק' לייגט צו, אז אפילו אויב מ'ווערט יענעם געבן געלט אדער אים קויפן מתנות כדי אים צו מאכן שפירן בעסער, ווערן די עבירות נישט פארגעבן, ווילאנג מ'בעט נישט מחילה און יענער זאגט ארויס מיט'ן מויל אז ער איז מוחל.

### ארויסזאגן אז מ'איז מוחל

**שאלה: איך האב איבערגעבעטן א איד וועם איך האב געדארפט איבערבעטן און געזאגט פאר יענעם, "לאמיר פון היינט אן זיין גוטע חברים, פארגעסן וואס עס איז געווען", א.א.וו., און יענער האט צוגעשטימט. צי איז נאך וויכטיג אז איך זאל הערן פון אים ווי ער זאגט בפירוש אז ער איז מוחל?**

**תשובה:** מען זאל בעטן אז יענער זאל ארויסזאגן קלאר אז ער איז מוחל, ווייל כאטש עס קען זיין אז יענער איז מוחל, איז אבער נישט זיכער אז עס איז טאקע אזוי. אויך איז דא אן ענין דערביי, ווי דער "רבינו בחיי" שרייבט, אז די גאנצע מעשה מיט די עשרה הרוגי מלכות איז געקומען נאר ווייל יוסף האט נישט ארויסגעזאגט בפירוש פאר די ברידער אז ער איז מוחל.

*

### פאלגנד זענען עטליכע ענינים* איבערן חיוב פון זיך איבערבעטן און מוחל זיין:

### לא על ידי שליח

דער של"ה הק' ברענגט, אז ס'מאכט זיך אמאל אז איינער האט זיך פארזינדיגט פאר א צווייטן, און עס קומט אריין א פארמיטלער בעטן מחילה. דאס איז א טעות, נאר דער ריכטיגער מהלך איז אז מ'זאל אליין גיין איבערבעטן (כמובן, אז אויב מ'קען נישט אליינס איבערבעטן, זאל מען דאן יא איבערבעטן דורך א שליח). דער של"ה הק' פירט אויס, אז

די בושה און דער בזיון וואס מ'גייט אדורך בשעת'ן איבערבעטן, דאס אליין איז א כפרה אויף דער עבירה.

### נישט אפשטופן דעם פיוס

דער "כף החיים" ברענגט בשם פוסקים, אז אויב מ'טוט נישט תשובה אויף אן עבירה "שבין אדם לחבירו", קען דאס גורם זיין אז אפילו אן עבירה "שבין אדם למקום" ווערט אויך נישט פארגעבן, ווייל די מקטרגים קענען טענה'ן אז מ'דארף אים נישט מוחל זיין אויף זיינע עבירות, ווייל ס'גייט אים נישט אן, והראיה, ער איז נישט געגאנגען איבערבעטן זיין חבר. דעריבער זאל מען זיין געווארנט צו בעטן מחילה, און אזוי וועלן אלע עבירות פארגעבן ווערן.

אזוי שרייבט אויך דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע ("נועם אלימלך"): "ווילאנג זיין חבר האט נאך תרעומות אויף אים, זענען נאך דא תרעומות אויבן אין הימל, אבער ווען זיין חבר איז אים מוחל, גייט אוועק דער קטרוג".

### מיט'ן מוחל זיין נעמט אראפ א קטרוג פון זיך

דער "לבוש" ברענגט, אז אויב אידן זענען זיך ח"ו נישט מוחל איינער דעם צווייטן, קען דאס ח"ו ברענגען א פתחון פה פאר די מקטרגים אז זיי זאלן זאגן: "רבוש"ע! דער איד קומט יעצט בעטן אז דו זאלסט אים מוחל זיין - טו אזוי ווי ער. ער וויל נישט מוחל זיין דעם חבר וואס איז אים געקומען איבערבעטן, זאל מען אים אויך נישט מוחל זיין". און פארקערט, אז איינער איז יא מוחל דעם אנדערן, איז ער מעורר אויף זיך אז מ'זאל אים אויך מוחל זיין.

### דער "קדושת לוי" איז מלמד זכות

עס ווערט געברענגט אין ספר ""מאמר מרדכי", אז אמאל איז געווען איינער א שוסטער, וואס האט פוגע געווען אינעם ראש הקהל פון דער שטאט בארדיטשוב. שפעטער האט ער געוואלט גיין איבערבעטן דעם ראש הקהל, אבער ער האט אים פארטריבן פון דארט.

ווען ס'איז געקומען ערב יום כיפור, האט דער הייליגער בארדיטשובער אים געשיקט צו גיין נאכאמאל איבערבעטן דעם ראש הקהל, אבער ער האט גע'טענה'ט, "וואס האב איך פון גיין, אז ער וועט דאך נישט וועלן רעדן צו מיר".

דער הייליגער בארדיטשובער האט גערעדט צו אים איין מאל און נאכאמאל, ביז ער האט געזאגט אז ער איז מסכים צו גיין. דער "קדושת לוי" איז פריער געגאנגען צום ראש הקהל און געזאגט אז דער שוסטער וויל קומען אים איבערבעטן. האט דער ראש הקהל געזאגט, אז מ'זאל נישט קומען יעצט אים פארדרייען דעם קאפ דערוועגן, ווייל ער האט בעסערס וואס צו טון. דער הייליגער בארדיטשובער האט אבער נישט נאכגעלאזט און געבעטן איין מאל און נאכאמאל, ביז ער האט מסכים געווען.

שפעטער, ביי "כל נדרי", האט דער הייליגער בארדיטשובער זי"ע זיך אנגערופן: "רבוש"ע, גיב א קוק. דער דאָרפס-איד האט איבערגעבעטן דעם ראש הקהל, און יענער האט אים מוחל געווען, כאטש וואספארא חשיבות האט ער שוין ביים ראש הקהל? יעצט, אז מיר אידישע קינדער, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב קומען דיר איבערבעטן, זאלסטו אוודאי און אוודאי אונז מוחל זיין."

* מתורגם מתוך הספר החדש והנפלא "מבואו ועד צאתו" על "ירח האיתנים"

כִּי חֹק לְיִשְׂרָאֵל הוּא - מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב
"מפעל חק לישראל העולמי" וואונטשט מז"ט וכוח"ט!
פאר רבבות אלפי ישראל וועלכע האבן בעזהשי"ת מסיים געווען
פארגאנגענעם שנת תשפ"ד, דעם סדר לימוד "חק לישראל"
וואס איז פארהייליגט ביי צדיקי כל הדורות וכל בית ישראל
פאר געשמאקע קורצע שיעורים בחק לישראל וחומש רש"י, רופט
קול מפעל החק - 212-444-9955

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170